# לחיזוק ההתקשרות
# לכ"ק אדמו"ר מה"מ

◆

**לזכות**

**שלום בן פריידא שיחי'**

ליום ההולדת - ז' אדר לאויוש"ט

**ולזכות זוגתו**

**פייגא רעכא רחל בת איטא העניא תחי'**

**ולזכות משפחתם שיחיו**

לאויוש"ט

◆

לשנת ברכה והצלחה רבה ומופלגה בכל

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind



# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

**שניאורסאהן**

**מליובאוויטש**

## פ' זכור

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

# פ׳ זכור

א. אויף דער תקנה[1] פון קריאת פרשת זכור[2] — לייענען בתורה דעם שבת פאַר פורים די פרשה פון „זכור[3] את אשר עשה לך עמלק" — פרעגט דער מגן אברהם[4]:

מ׳געפינט דאָך כו״כ מצות פון „זכירה" — ווי די „זכירות"[5] וואָס מ׳דאַרף זיך דערמאָנען[6] בברכות ק״ש (וק״ש): מ״ת, מעשה עמלק, מעשה מרים, שבת און מעשה העגל — פאַרוואָס האָט מען מתקן געווען צו לייענען בתורה פ׳ עמלק דוקא, און ניט „בזכירות אחרים"?

און ער פאַרענטפערט, אַז „מ״ת יש לנו חג עצרת וה״ה שבת, ומעשה מרים ומעשה עגל לא תקנו מפני שהי׳ גנותן של ישראל".

לכאורה איז דאָס אָבער ניט קיין תירוץ מספיק. ווייל אויך במעשה עמלק — איז דאָך פאַראַן פורים, וואָס איז פאַרבונדן מיט זכירת ומחיית עמלק[7], ביז אַז די קריאה פון פורים איז[8] — די פרשה פון מלחמת עמלק („ויבא עמלק"[9]); און נאָך מער: דאָס וואָס פ׳ זכור איז דער שבת פאַר פורים איז „כי היכי דלא תיקדום עשי׳ לזכירה"[10], הייסט עס דאָך, אַז פורים איז די „עשי׳" פון דער זכירה דפ׳ זכור —

היינט פאַרוואָס דאַרף מען האָבן אַ באַזונדערע תקנה אויף קריאת זכירת עמלק, און ביז אַז דער שבת ווערט אָנגערופן „שבת פרשת זכור" וכיו״ב?

איז דערפון משמע, אַז די תקנה פון פ׳ זכור איז (ניט נאָר ווייל ס׳איז ניטאָ קיין זמן מיוחד אויף צו דערמאָנען מעשה עמלק, נאָר) ווייל עס איז דאָ אַ יתרון וענין מיוחד אין זכירת מעשה עמלק[11] לגבי די אַנדערע זכירות.

דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז דער ענין מיוחד ביי זכירת מעשה עמלק, וואָס איז ניטאָ ביי די אַנדערע זכירות, און וואָס דערפאַר האָט מען דוקא פאַר דער זכירה קובע געווען אַ קריאה מיוחדת?

---

1) כ״ה במג״א שצויין בהערה 4. וראה מג״א סתרפ״ה, דאף שקריאת פ׳ זכור הוא מה״ת, זה שקוראים אותה בשבת זה דוקא הוא תקנת חכמים. וכ״ה בשו״ע אדה״ז או״ח סרפ״ב סי״ג שהוא „מתקנת אנשי כנה״ג" (אף שכתב (שם סט״ז) ש„פרשת זכור היא חובה מן התורה").

הדיעות בזה — ראה אנציקלופדי׳ תלמודית ע׳ ארבע פרשיות (ע׳ קסו), ע׳ זכירת מעשה עמלק (ע׳ ריט ואילך).

2) מגילה ל, א.

3) ס״פ תצא (כה, יז־יט).

4) סי׳ ס סק״ב.

5) הובא ג״כ בשו״ע אדה״ז שם סעיף ד. וכן הכניסן אדה״ז בסידורו לאחרי תפלת שחרית (שש זכירות).

6) נוסף לזכירת יצ״מ שנזכרה בפירוש בפ׳ ציצית.

7) ראה חינוך מצוה תרג: ודין הי׳ לקרותה (פ׳ זכור) ביום פורים לפי שהוא מענינו של יום כי המן הרשע הי׳ מזרעו. ובפרש״י מגילה (כט, א ד״ה ומפסיקין): לסמוך מחיית עמלק למחיית המן. וראה רמב״ן ס״פ תצא: ויהי׳ סמך למקרא מגילה מן התורה. ועוד.

8) משנה מגילה ל, סע״ב. ובמג״א סתרפ״ה שם שבזה יוצא מ״ע דקריאת פ׳ זכור.

9) בשלח יז, ח ואילך.

10) מגילה ל, א.

11) עד שלרוב הפוסקים קריאת פ׳ זכור היא מ״ע מה״ת (ראה הנסמן בהערה 1).





המגילה מספרת איך שהמן הרשע עלה לגדולה וביקש להשמיד את כל היהודים מנער ועד זקן טף ונשים בכל מדינות המלך אחשורוש, ואיך שנשתלשלו הענינים עד שתלו את המן על העץ אשר הכין למרדכי ובטלה הגזירה ונשתנה המצב מן הקצה אל הקצה, והימים נהפכו לשמחה וליום טוב.

ומספרים חכמינו זכרונם לברכה פרטי ביטול הגזירה ואופנו:

מרדכי ואסתר שידעו מכל הנעשה, קראו צום ועוררו את כל היהודים לשוב אל ה׳ ולתורתו ומצוותיו. ולאחרי אשר מרדכי אסף ילדים לאלפים ולרבבות ולימד אותם תורה והלהיב את לבבם לאהבת ה׳ ואהבת התורה ועד למסירות נפש ממש — אז ביטל השם את הגזירה, והמשיך הצלחה בהשתדלות אסתר המלכה — ועד אשר ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

נמצא שעיקר נס פורים הי׳ בזכותם של ילדים ונוער!

אחד הטעמים אשר התורה מספרת לנו כל פרטים אלה — הוא כדי להודיע לכל, בכל מקום ובכל זמן (כי התורה נצחית היא) — כמה גדול כוחם של ילדים ההולכים בדרך התורה והמצוה להשפיע על גורל כל עמנו בכל מקום.

למרבה הצער, עדיין יש כמה „המן׳ים" במקומות שונים בעולם הרוצים לבצע מחשבת אותו המן הרשע. ואנו, עם אחד, מפוזר ומפורד בין העמים — אבל דתינו שונות מכל עם, דת התורה ומצוותי׳ והיא חיינו ואורך ימינו הנותנת לנו כח ועוז להתגבר על כל שונאינו.

כל בן ובת, בכל מקום שהם, הלומדים תורה ומקיימים מצוות, מוסיפים הם כח ועוז לכל היהודים באשר הם שם — כולל, ובמיוחד באותן המדינות אשר אויבינו לא מניחים ללמד תורה לילדים ולנוער ולקיים מצוות. ומה גדול אשרכם אתם, שאין אתם נתונים בצרה כזו ח״ו, והרשות בידכם ללמוד תורה בהתמדה ולקיים מצוות בהידור, ואין הדבר תלוי אלא בכם וברצונכם!

ילדים חביבים, הוסיפו בלימוד תורה ובקיום מצוותי׳, ושאו ברכה מאת ה׳, לכם ולכל בני משפחתכם, שליט״א.

ובזכותכם יעלה ויבוא ויגיע לכל עמנו, בלשון המגילה: ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר — כן תהי׳ לנו ולכל היהודים.

בחיבה ובברכה
לפורים שמח

ווערן דורך משיח צדקנו, „ובנה מקדש במקומו"[6], וע"פ דברי הרמב"ם[7] „הכל חייבין לבנות ולסעד בעצמן ובממונם, אנשים ונשים כמקדש המדבר", איז מובן אַז אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צום בית שלישי, אַז יעדער איד וועט זיך אין דעם משתתף זיין ע"י נדבותיו, אנשים נשים, ויש לומר — אויך טף (ווי ס'איז געווען בנדבת המשכן).

(משיחות לילות ד', ה', ו' ושבת קודש פ' תרומה תשנ"ב).

6) ל' הרמב"ם שם ספ"א.
7) הל' ביהב"ח פ"א הי"ב.

## פורים

ב"ה בסמיכות לימי הפורים, ה'תשל"ו
ברוקלין, נ. י.

אל התלמידים
ואל התלמידות

ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

בעמדנו בסמיכות לימי הפורים, בודאי נתתם דעתכם על פרשת ימי הפורים, כמסופר במגילת אסתר. ולא באתי אלא להזכיר על דבר משמעות יום טוב זה לנוער ולילדי — בלשון המגלה — היהודים בכל מדינות העולם בפרט.





ולכאורה, אדרבה: די אַנדערע זכירות זיינען ענינים כלליים אין דער הנהגה פון אַ אידן ובכל עת ובכל מקום: מעמד הר סיני — מ"ת — איז דאָך דער יסוד פון גאַנץ תורה ומצותי'; שבת איז פון די מצות כלליות[12] און וואָס איז פועל (ניט נאָר אויף דעם טאָג פון שבת, נאָר) אויך אויף אַלע ששת ימי החול[13]; ולאידך, מעשה העגל — היפך פון אנכי ולא יהי' לך. ועוד, וויבאַלד אַז „וביום פקדי ופקדתי גו'"[14] — דערמאָנט עס אַ אידן ווי מ'דאַרף זיין אָפּגעהיט אין סור מרע ס'זאָל ניט קומען צו „אפקוד עליהם עונותיהם", וואָס דאָס איז דאָך כולל — אויך אָפּגעהיט אין עשה טוב; און אפילו מעשה מרים, וואָס איז לכאורה אַן עניז פרטי, וואָס האָט ניט געבראַכט קיין תוצאות פאַר כלל ישראל אויף אַלע דורות — איז אָבער אויך אין דעם פאַראַן אַ הוראה[15] צו אַלע אידן אויף וויפל עס דאַרף זיין די זהירות פון לשון הרע[16], וואָס איז פון די עבירות הכי חמורות, ווי חז"ל[17] זאָגן אַז עס איז „מגדיל עונות כנגד ג' עבירות ע"ז וג"ע וש"ד". און צוזאַמען דערמיט — פון די שווערסטע אויסגעהיט ווערן לגמרי פון איר[18].

משא"כ זכירת מעשה עמלק איז אַ מצוה פרטית, און זי אַנטהאַלט ניט, לכאורה, קיין לימוד פאַר יעדן אידן בהנהגתו און — נאָך אַ לימוד כללי[19].

ב. די תמי' אין דעם איז נאָך שטאַרקער:

דער תכלית פון זכירת עמלק איז — מחיית עמלק[20], ווי דער המשך הכתובים (נאָך „זכור גו'") — „והי'[21] בהניח ה"א לך מכל אויביך גו' תמחה את זכר עמלק גו'". און ווי דער רמב"ם[22] איז דאָס מסביר: „צונו לזכור מה שעשה לנו עמלק . . (ולשנוא אותו[23]) בכל עת ועת ונעורר הנפשות במאמרים להלחם בו".

און וויבאַלד בזמן הזה איז ניט שייך צו מקיים זיין דעם ציווי פון מחיית עמלק בפועל — ווייל: (א) מצות מחיית עמלק איז נאָר ווען אידן זיינען על אדמתם[24] (און אין אַ מצב פון מנוחה — „בהניח ה"א לך מכל אויביך מסביב בארץ גו'"[21]); (ב) אפילו ווען ס'וואָלטן

12) ועיין ס' החינוך מצוה לב: משרשי מצוה כו' כל יסודי הדת ומלבד כו' יש בו כו'.

13) עיין רמב"ן יתרו כ, ח.

14) תשא לב, לד ובדחז"ל עה"פ.

15) נחוצה תמיד, כי בלא זה אין אדם ניצול מ(אבק) לה"ר בכל יום כדלקמן בפנים.

16) ראה מפרשים לתצא כד, ט. רמב"ן ס"פ תצא. ועוד. מג"א ושו"ע אדה"ז סי' ס שם.

17) ערכין טו, ב.

18) דאין אדם ניצול ממנה בכ"י (ב"ב קסד, ב).

19) ראה חינוך שם, שזכירת מעשה עמלק אינה „עיקר בדת" כזכירת יצי"מ (שלכן „די לנו בזה לזכור הענין פעם א' בשנה כו'"). ולהעיר שהרמב"ם לא מנה מצות זכירת עמלק בין המצות ההכרחיות (בסהמ"צ סוף המ"ע).

בחרדים (מל"ת התלויות בארץ ישראל פ"ב) ועוד, שזכירת עמלק ענינה לזכור שבשביל שרפו ידיהם של ישראל מן התורה ומן המצות בא עמלק. אבל עדיין צריך ביאור: ענין זה (שע"י רפיון במצות בא עונש על בנ"י) מצינו כמ"פ בתורה (כולל מעשה העגל שהוא א' מהזכירות הנ"ל), ומהו הענין המיוחד שבזכירת עמלק דוקא? ולהעיר מצפע"נ עה"ת ס"פ בשלח.

20) ראה ביאור הרי"פ פערלא לסהמ"צ לרס"ג מ"ע נט (רסא, ב) שמטעם זה לא מנה הבה"ג וסיעתו העשה דזכירת עמלק כי היא בכלל העשה דמחיי'. וראה לקמן סעיף ג.

21) תצא שם, יט.

22) מ"ע קפט. וראה חינוך שם, שלכן נשים פטורות מזכירת עמלק.

23) בתרגום הר"ח העליר ור"י קאפח: ושנאמר (את) זה.

24) כמחז"ל (סנהדרין כ, ב. ובכ"מ. רמב"ם ריש הל' מלכים) „ג' מצות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ . . ולהכרית זרעו של עמלק".

געוועזן די תנאים הנ״ל, איז ניט מעג־לעך צו דורכפירן מחיית עמלק, ווייל „כבר עלה סנחריב ובלבל את העולם וכל דפריש מרובא פריש״[25] —

קומט אויס, אַז דער ענין פון זכירת עמלק בזמן הזה איז ניט (אַזוי) נוגע לפועל — און אעפ״כ, האָט מען דוקא אויף דער זכירה קובע געווען אַ קריאה מיוחדת ושבת מיוחדת?

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהק־דים הביאור אין דעם עצם ענין פון מצות זכירת עמלק, דלכאורה:

א) וויבאַלד אַז דער תכלית פון זכירת עמלק איז[26] — מחיית עמלק (כנ״ל), פאַרוואָס איז דאָ דער חיוב אויף זכירת עמלק אויך בזמן ווען ע״פ תורה איז ניט שייך מחיית עמלק בפועל[27]?

ב) פאַרוואָס דאַרף מען בכלל אָנ־קומען צו אַ באַזונדער ציווי[28] „זכור את אשר עשה לך עמלק״ כדי צו מעורר זיין „הנפשות במאמרים להלחם בו״, און עס איז ניט גענוג דער ציווי פון „תמחה את זכר עמלק״ אַליין?

(ע״ד ווי דער ציווי „לא תחי׳ כל נשמה״[29] בשייכות די ז׳ אומות, וואָס מען געפינט ניט אַ באַזונדער ציווי צו געדענקען זייערע מעשים רעים כו׳[30]

וואָס זאָל ברענגען דערצו אַז „נעורר הנפשות . . להלחם בהם״[31]).

איז דערפון גופא געדרונגען, אַז אע״פ אַז דער תכלית פון זכירת עמלק איז מחיית עמלק, איז אָבער דאָ אַן ענין וואָס טוט זיך אויף אין זכירת עמלק פאַר זיך

— וואָס דערפאַר רעכנט דער רמב״ם[32] (ועד״ז אַנדערע מוני המצות[33]) מחיית עמלק און זכירת עמלק אַלס צוויי באַזונדערע מצות מיט באַזונדערע גדרים. לדוגמא — מחיית עמלק איז פון די מצות וואָס זיינען „חובה על הציבור״[34] (און לויט כמה דיעות[35] איז דאָס אַ מצוה אויפן מלך (פון דעם ציבור[36])), און די מצוה האָט כמה תנאים (דוקא לאחרי כניסת בנ״י לארץ ועוד);

משא״כ זכירת עמלק איז אַ מצוה אויף יעדן יחיד באַזונדער, און איז אַ מצוה תמידית[37], בכל מקום ובכל זמן — און

---

25) מנ״ח מצוה תרד. ולהעיר מצפע״נ הנ״ל.

26) משא״כ להטעם שהובא לעיל הערה 19 (ראה מלאכת שלמה למגילה פ״ג מ״ד).

27) ודוחק לומר שהוא רק כדי להיות מוכנים למלחמת עמלק בביאת המשיח (דאחכה לו בכל יום שיבוא). ולהעיר מספרי ורש״י עקב יא, יז (יח).

28) ועד״ז בבשלח (יז, יד): כתוב זאת זכרון בספר ושים באזני יהושע גו׳.

29) שופטים כ, טז.

30) כהמשך הכתובים שם (פסוק יח) — ועד״ז בכ״מ — „למען אשר לא ילמדו אתכם לעשות ככל תועבתם גו׳״.

31) אף שיש לחלק כי בעמלק הציווי למחות „זכר עמלק״ — „משור ועד שה״ (רש״י ס״פ תצא, מש״א טו, ג (הפטורה דפ׳ זכור). וראה מכילתא ס״פ בשלח. מדרש תהלים ט, ז. ועוד. לקו״ש חי״ד ע׳ 89 הערה 17) — ולכן צ״ל זכירה מיוחדת לעורר השנאה בלב אל עמלק. וראה טעמי מצות להרדב״ז מצוה תקצא.

32) בסהמ״צ מ״ע קפח־קפט.

33) סמ״ג עשין קטו־קטז. ועוד.

34) סהמ״צ להרמב״ם בסוף המ״ע. וגם הרס״ג מנאה במנין הפרשיות (פרשה סא). וראה חינוך מצוה תרד. ביאור הרי״פ פערלא למ״ע נט שם.

35) רמב״ן ובחיי ס״פ בשלח. יראים סרצ״ט (בהשלם — סתל״ה). וראה לקו״ש חט״ז ע׳ 302 (הערה 31) דאולי גם להרמב״ם מצות המלך הוא (ע״ש). וראה הערה הבאה.

36) די״ל דמצוות המלך (שהוא — הכל) הן סוג מיוחד במצוות הציבור. ואכ״מ.

37) רמב״ם הל׳ מלכים פ״ה ה״ה. וראה לשונו בסהמ״צ ומנין המצות בריש ספר היד (מ״ע קפט). וראה הדיעות שצ״ל זכירת מעשה עמלק בכל יום —





# סז.

בדורנו זה — דער דור האחרון אין גלות און דור הראשון פון גאולה — לאחרי וואָס מ׳האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט, און עס דאַרף נאָר זיין קבלת פני משיח צדקנו בפועל — איז זיכער אַז דער אויבערשטער בענטשט יעדער איד מיט עשירות בזהב בגשמיות וברוחניות, ביז באופן (ווי ס׳איז געווען „כימי צאתך מארץ מצרים״ אַזוי איז אויך איצטער „אראנו נפלאות״[1]) — אַז „אין לך כל אחד ואחד מישראל שלא היו עמו תשעים חמורים לובים טעונים מכספה וזהבה של מצרים״[2]. . .

בכדי . . צו אויסנוצן די עשירות („זהב וכסף ונחושת וגו׳״) אויף מאַכן פון דער אייגענער שטוב אַ משכן ומקדש לה׳ (ושכנתי בתוכם בתוך כל א׳ וא׳), כולל — אויך דורך געבן צדקה אויף אויפבויען אַ בית הכנסת ובית המדרש כפשוטו, „מקדש מעט״[3].

ועוד והוא העיקר — בענין שהזמן גרמא — אויפבויען דעם בית המקדש השלישי בפשטות ממש:

לאחרי כל הפירושים אין דעם פסוק „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, כולל דעם פירוש „בתוך כל א׳ וא׳״ — איז דאָך אין מקרא יוצא מידי פשוטו[4], לכל לראש איז דער פירוש בזה בנוגע להלכה למעשה — אַז אידן האָבן דעם חיוב צו אויפבויען דעם בית המקדש.

ובנוגע אלינו מיינט עס — צו אויפבויען דעם בית המקדש השלישי, בפשטות ממש, כפס״ד הרמב״ם[5] אַז דאָס וועט אויפגעבויט

---

1) מיכה ז, טו.

2) בכורות ה, ב. וכ״ה בתנחומא בשלח כה. הובא בפרש״י בא יג, יג (וראה לקו״ש חט״ז ע׳ 253 הערה 20*).

3) יחזקאל יא, טז. מגילה כט, א.

4) שבת סג, א. ושי״נ.

5) הל׳ מלכים רפי״א ובסופו. וראה לקו״ש חי״ח ע׳ 418 ואילך. ושי״נ.

זיין אַן אָרט פאַר אַ טעות אין דעם ענין[66], אופן הקב״ע וכו׳.

ז. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס מלחמת עמלק איז פאַרגעקומען „בדרך בצאתכם ממצרים״, פאַר מתן תורה:

וויבאַלד אַז יעדע זאַך איז בהשגחה פרטית, איז מובן, אַז דאָס גופא וואָס מלחמת עמלק בגשמיות איז געווען קודם מ״ת, איז ווייל עמלק ברוחניות איז מנגד, ניט צולאָזן דעם ענין וחידוש פון מ״ת:

דער אויפטו פון מ״ת איז[67] — אַז תורה לא בשמים היא, זי זאָל ניט בלייבן נאָר ברוחניות, נאָר עס מוז אַראָפּקומען למטה, לימוד בפועל און מצות מעשיות דוקא, ואדרבה — המעשה הוא העיקר[68].

וואָס דאָס איז געווען טענת המלאכים[69] „חמודה גנוזה כו׳ תנה הודך על השמים״: וויבאַלד אַז תורה איז תכלית הרוחניות והעילוי, דאַרף דער אָרט פון תנה, זי דאַרף געגעבן ווערן „על השמים״, וואָס איז העכער אפילו פון רוחניות שבעוה״ז (שכל האדם).

בשעת מ׳איז אָבער מבטל דעם ענין פון עמלק — אַז פון מוח ווערט נמשך אין מעשה בפועל, ס׳איז דאָ שלימות השם (אויך ו״ה) — קען מען דערנאָך מבטל זיין טענת המלאכים „תנה הודך על השמים״, און עס ווערט געגעבן תורה דאָ למטה.

דאָס איז אויך מבאר גודל הענין פון זכירת עמלק, וואָס איז נאָך מער נוגע ווי די אַנדערע זכירות (כנ״ל סעיף א) — ווייל זכירת עמלק איז אַ הקדמה ותנאי צו כללות הענין פון נתינת התורה. נאָך איידער אַ איד נעמט תורה, מוז ביי אים זיין ביטול עמלק וואָס דערלאָזט ניט די המשכה פון מוחין אין מדות ומעשה.

און דורך קיום מצות זכירת עמלק בזמן הגלות וואָס איז מבטל עמלק שבנפש האדם, איז מען מזרז וממהר אַז מ׳זאָל קענען מקיים זיין מצות מחיית עמלק כפשוטו, בעולם כולו ובגשמיות,

אַז עס וועט זיין דער ענין פון „מינוי מלך״ — מלכא משיחא, וואָס ער וועט מברר זיין ווער איז עמלק, און (דערנאָך[70]) „ילחם מלחמת ה׳״[71] — כולל („מלחמה לה׳ בעמלק״[72]) מלחמת עמלק — וינצח[73], און דערנאָך[70] וועט ער בויען דעם בית המקדש השלישי[74], במהרה בימינו ממש.

(משיחות ש״פ זכור תש״ל, תשל״ג)

לקו״ש חכ״א ע׳ 190

(66) להעיר מלקו״ש חי״ח ע׳ 153 סעיף ה ואילך.

(67) ראה לעיל ע׳ 49, וש״נ.

(68) אבות פ״א מי״ז.

(69) שבת פח, ב ואילך.

(70) כסדר ג׳ מצות שנצטוו ישראל בכניסתן לארץ (כנ״ל הערה 24) — ראה לקו״ש חט״ז ע׳ 304 הערה 49.

(71) רמב״ם הל׳ מלכים ספי״א.

(72) ס״פ בשלח.

(73) כלשון הרמב״ם שם בדפוסים שלא שלטה בהם בקורת הצנזור — „אם עשה והצליח ונצח כל האומות שסביביו״ (י״ל שכיון עה״פ: מכל אויבך מסביב).

(74) (בית ו)כסא שלם (ראה תו״א בתחלתו).





דער ענין וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך זכירת עמלק פאַר זיך, איז אַן ענין כללי אין גאַנץ תורה, נאָך מער ווי די אַנדערע זכירות הנ״ל (כדלקמן סעיף ז).

ד. דער ביאור אין דעם:

דער ענין פון עמלק איז — „יודע את רבונו ומתכוין למרוד בו״[38]. און דערפאַר, איידער אַ איד קען מקיים זיין מחיית עמלק — פון עמלק כפשוטו, מוז ער פריער באַוואָרענען, אַז ביי (אין) אים אַליין זאָל ניט זיין „עמלק״ — „יודע את רבונו ומתכוין למרוד בו״ (אפילו ניט בדקות, כדלקמן סעיף ו).

און דאָס איז דער תוכן פון מצות זכירת עמלק[39]: ס׳איז ניט נאָר אַ זכרון וואָס דאַרף מעורר זיין צו טאָן לאח״ז אַן עשי׳ (מלחמת ומחיית עמלק כפשוטו), אָדער אַז דורך דעם זכרון זאָל מען זיך אויסהיטן פון אַן ענין בלתי רצוי (ע״ד זכירת מעשה מרים — צו פאַרהיטן פון לשון הרע) — נאָר זכירת עמלק גופא טוט אויף מחיית עמלק שבלב, אין אים גופא[40].

עס קען זיין ביי אַ אידן „עמלק״ בנפשו[41], וואָס וויל פועל זיין אויף אים אַז ער זאָל מורד זיין ח״ו אין רבונו, און ווען דער „זכור את אשר עשה לך עמלק״ איז ביי אים כדבעי[42], ווערט אויפגעטאָן מחיית וביטול עמלק שבנפשו[43] — עס ווערט אויסגעוואָרצלט און אויסגעמעקט יעדע נטי׳ פון „(יודע כו׳) ומתכוין למרוד בו״.

ועפ״ז יובן וואָס דוקא די זכירה האָט מען פאַרבונדן מיט אַ קריאה מיוחדת בתורה — ווייל תורה איז בעה״ב אויף מציאות העולם (ע״ד דחז״ל[44] הידועים עה״פ[45] „לא־ל גומר עלי״), און דערפאַר, דורך דעם וואָס מ׳פאַרבינדט זכירת עמלק מיט קריאת התורה, ווערט עס אַ זכרון וואָס טוט אויף מחיית עמלק שבנפש[46].

ה. דאָס איז אויך איינער פון די ביאורים וואָס קריאת פ׳ זכור איז (לדעת רוב הפוסקים[47]) אַ מ״ע מן התורה:

פון די עילוים אין מצות דאורייתא לגבי מצות דרבנן, איז וואָס מצות דאורייתא האָבן אַ שטאַרקערע פעולה אויף (און אין) וועלט: ווי באַוואוסט די אריכות אין אחרונים[48] וואָס זייגען

הובאו באנציקלופדי׳ תלמודית ע׳ זכירת מעשה עמלק (ע׳ רכב).

(38) כן הובא בכ״מ (סה״מ תקס״ב ע׳ קעב. סה״מ תקס״ה ח״א ע׳ שצה. סהמ״צ להצ״צ מצות זכירת מעשה עמלק פ״א (צה, א). ובכ״מ) על עמלק. — לשון זה מצאתיו לע״ע בתו״כ בחוקותי כו, יד (הובא ברש״י בחוקותי שם. נח י, ט. לך יג, יג) — אבל לא על עמלק. ובאוה״ת פרשת זכור (ע׳ א׳תשפו) מקשר זה עם מחז״ל (אסת״ר פ״ז, יג) „ומהיכן בא עמלק . . מאצל בלעם הרשע״, שבו נאמר (בלק כד, טז) „ויודע דעת עליון״.

(39) ראה בכ״ז ד״ה זכור תרס״ה פרק ח.

(40) אלא שזה גופא הוא כדי שיוכל לקיים מחיית עמלק בעולם כפשוטו, כנ״ל סעיף ב (מסהמ״צ להרמב״ם).

(41) ראה תו״א תצוה סד״ה זכור: וזרעו של עמלק פי׳ הזריעה שלו שזרעה בישראל להיות להם בחי׳ זו.

(42) להעיר מלקו״ש חי״ט (ע׳ 223־4) בביאור מחז״ל (פדר״א פמ״ד) „האיך יתקיימו שניהם זה זכור (דעמלק) וזה זכור (דשבת)״.

(43) ראה גם פנים יפות ס״פ תצא.

(44) ירושלמי נדרים פ״ו ה״ח. ועוד.

(45) תהלים נז, ג.

(46) ראה גם סה״מ תר״פ (ע׳ רצה): וע״י הקריאה שקורא פ׳ מחיית עמלק בתורה מתבטל ע״ז קליפת עמלק. וראה לקו״ת במדבר יג, ג.

(47) ראה הערה 1.

(48) ראה שו״ת צפע״נ (ירושלים תשכ״ה) סל״ג ובהנסמן במפענח צפונות קונטרס „מאה סברות״

מחלק, אז איסורי דאורייתא זיינען אַן איסור חפצא — די זאַך ווערט אַ דבר מתועב כו׳, משא״כ איסורי דרבנן זיינען (לויט כמה דיעות) בלויז אַן איסור גברא, די חכמים לייגן אַרויף אַן איסור אויף דעם מענטשן, אָבער ניט אויף די חפצי העולם עצמם.

— דאָס וואָס מצות דרבנן האָבן אַ מעלה אויף מצות דאורייתא, כמחז״ל[49] ערבים עלי ד״ס יותר מד״ת, איז עס בעיקר נוגע דעם גברא, ווייל אינעם קיום מצות שהוסיפו רבנן — דריקט זיך אויס די עריבות ותשוקה צו זיין אַן עבד ה׳, וואָס דערפאַר בעט ער לכתחילה גזור עלינו גזירות[50] און דערנאָך באַגנוגנט ער זיך ניט דערמיט און איז נאָך מוסיף עליהן גזירות, אָדער — מאַכט סייג לתורה (לגזירות) כדי נאָכמער פאַרזיכערן קיום הגזירות.

ועוד י״ל: ביי מצות דאורייתא, ווי־באַלד זיי פועל׳ן אין וועלט אויף אַ שטאַרקערן אופן, איז ביי זיי ניט אַזוי קענטיק אַז מ׳איז מקיים די מצוה בלויז מצד ציווי הקב״ה, ווייל סגולת המצוה (וואָס זי טוט אויף בעולם) איז מעלים[51] אויפ׳ן קבלת עול שבקיום המצוה (וואָס זי איז ציווי הקב״ה):

משא״כ אין קיום מצות דרבנן, וואו די סגולת המצוה איז ניט אַזוי שטאַרק, דריקט זיך אויס ווי אַ איד איז מקיים מצוות (ניט ווייל דורך דעם טוט ער אויף ענינים נעלים בעולם, נאָר) ווייל ער איז אַן עבד ה׳ וואָס פאָלגט דעם רצון וציווי המלך.

אָבער בנוגע דעם „חפצא״ — דאָס וואָס מצות דאַרפן אויפטאָן אין וועלט[52] — איז אדרבה, מצות דאורייתא האָבן דעם כח התורה[53] צו באַווירקן די חפצא (מציאות) פון וועלט אין אַן אופן וואָס איז ניטאָ ביי מצות דרבנן, כנ״ל.

און דערפאַר איז קריאת פ׳ זכור[54] אַ מ״ע מן התורה, וואָס דאָס גיט אַ כח נוסף אַז די זכירת עמלק זאָל אויפטאָן די מחיית עמלק (בנדו״ד — שבאדם[55]).

ו. וויבאַלד אַז זכירת עמלק איז אַ מצוה תמידית, איז פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז אַן ענין וואָס יעדערער דאַרף זיך אין דעם באַוואָרענען תמיד, בכל הזמנים.

וואָרום אע״פ אַז עס האָט ניט קיין אָרט ח״ו וח״ו צו זאָגן, אַז אַ איד דאַרף זיך (תמיד) באַוואָרענען פון ניט זיין אַ „יודע את רבונו ומתכוין[56] למרוד בו״;

בתחלתו. אתוון דאורייתא כלל יו״ד. וראה תניא פ״ח. ובארוכה שיחות אחש״פ והתועדויות שלאח״ז תשל״ו.

49) ראה ע״ז לה, א וברש״י שם. ירושלמי ברכות פ״א ה״ד. ועוד.

50) מכילתא יתרו כ, ג (במכילתא לפנינו: אמרו לו עבדיו גזור עליהם גזירות. אבל ברמב״ן עה״ת יתרו (שם, ב) וכן בהשגותיו לסהמ״צ (מל״ת ה) ובמאירי בפתיחה לאבות (בשם המכילתא): גזור עלינו (לנו) גזירות. ו(גם) גירסא זו הובאה בדא״ח — ד״ה בראשית ברא תש״ג פכ״ו. ועוד).

51) ע״ד הידוע דשכל מעלים על רצון ומסנ״פ (סה״מ: אידיש ע׳ 5 ואילך. קונטרסים ח״ג ע׳ קכא ואילך. תש״ט ע׳ 119 ואילך).

52) שזהו ענין עיקרי בקיום המצות — עיין תניא פל״ז־לח.

53) להעיר מתו״א (לד, ב. דרמ״צ עד, ב) במעלת כח של דאורייתא על דרבנן, דבדאורייתא (שהיא המשכה מלמעלה למטה) „מי מעכב ומי מונע לה׳ ית״ש והיד ה׳ תקצר״, משא״כ בדרבנן „שהם המשיכו להיות גילוי זה״.

54) נוסף לזה שזכירת עמלק בכלל היא מ״ע מה״ת (שבזה שווה לשאר הזכירות הנ״ל ס״א). ולהעיר שגם בסה״מ תר״פ שם מדגיש שקריאת פ׳ זכור היא דאורייתא.

55) שפעולת המצוה בהאדם הו״ע של „חפצא״ (שבגברא גופא).

56) להעיר מרמב״ם הל׳ גירושין ספ״ב.





דאַרף ער אָבער שטענדיק יע זיין באַוואָרנט אין דעם ענין פון „עמלק״ בדקות. ובפרט אַז פון דעם קען סו״ס אַרויסקומען אַן ענין פון „יודע כו׳ ומתכוין למרוד בו״, ר״ל.

והביאור: אויפן פסוק[56*] „כי יד על כס י״ה מלחמה לה׳ בעמלק״, זאָגן חז״ל אַז „אין שמו שלם כו׳ עד שימחה שמו של עמלק״[57] — כל זמן עמלק איז קיים איז דער שם ניט בשלימות, ס׳איז בלויז י״ה. עמלק איז מנגד אויף די אותיות ו״ה פון שם הוי׳.

ולכאורה תמוה: וויבאַלד אַז עמלק איז מתכוון למרוד בו, אין אויבערשטן, איז מאי[58] טעמא: א) וואָס ער איז מנגד בלויז אויף שלימות השם און ניט אויפן שם בכללותו? ב) אין דעם ניגוד אויף שלימות השם — ניט אויף י״ה שבשם, וואָס איז קודם און העכער[59] פון ו״ה? ג) אדרבא — אַז עס בלייבט יו״ד ה״א — בלייבט אַ גאַנצער שם פון די (ז׳[60]) שמות שאינם נמחקים[61]?

דער ביאור בזה[62]:

די פעולות פון די ד׳ אותיות פון שם הוי׳ אויף אַן אידן און ווי זיי שטייען און זיינען בנפש האדם (אדמה לעליון[63], בצלמנו[64]) זיינען: יו״ד ה״א — חכמה בינה (שכל), וא״ו — מדות שבלב ותורה, ה״א — דבור ומעשה, מצות[65].

עיקר מלחמת עמלק איז — אויף דעם ענין פון פועל ממש. אויף מוחין אַליין — בחי׳ י״ה — איז ער ניט אַזוי מנגד. אים אַרט ניט אַזוי שטאַרק דער יודע את רבונו אַז מ׳האָט (נאָר) אַ פאַרשטאַנד אין אלקות, ער וויל אָבער אַז דאָס זאָל ניט פועל זיין אויף מדות שבלב (וואָס ברענגען צו) מחשבה דיבור ומעשה (בחי׳ ו״ה). ואדרבה — דעמאָלט איז די מרידה — אַ מרידה איומה ביותר; און דאָס איז מודגש אינעם לשון חז״ל „יודע את רבונו״ — ער האָט אַ ידיעה אין רבונו — און פונדעסטוועגן „מתכוין למרוד בו״, ווייל די ידיעה האָט ניט קיין ווירקונג אויף מדות און מחדו״מ.

און אין דעם פרט פון עמלק — אַז זיין „יודע את רבונו״ ברענגט ניט קבלת עול רבונו עכ״פ לויט דער ידיעה (וואָס קב״ע איז מכריח תומ״צ, און אַז עס פעלט בקבלת עול רבונו — איז עס (בדקות) מרידה ברבונו) — דאָס דאַרף זיך יעדערער באַוואָרענען, ווייל אין יעדער דרגא פון עבודת וידיעת ה׳ קען

56*) ס״פ בשלח.

57) פרש״י שם. תנחומא ס״פ תצא. פסיקתא דר״כ ופסיקתא רבתי פ׳ זכור. מדרש תהלים ט, ז.

58) להעיר משערי אורה (לר״י גיקטליא) ש״ט.

59) ראה ד״ה מן המיצר תרע״ח. ועוד.

60) ראה תו״א ס״פ נח (וש״נ) — הטעם דשבעה. ובפרדס (ש״א בסופו וש״נ) יו״ד שמות שאינם נמחקים כו׳ י״ה כו׳. — הרס״ג כותב „ששה״, רה״ג — „תשעה״ (הובאו בס׳ עבודת המלך, בהערות לרמב״ם שבהערה הבאה (ירושלים, תשכ״ד) ועיי״ש). — בשו״ע אדה״ז או״ח ספ״ה ס״ג „ז׳ שמות שאינן נמחקין״. ולהעיר שבזח״ג (ערב, ב) „מלכות כו׳ כלילא מעשר ספירן מעטרא בשבע שמהן שאינן נמחקין״. ואכ״מ.

61) ברמב״ם הל׳ יסוה״ת (פ״ו ה״ב) ושו״ע יו״ד (סרע״ו ס״ט) לא נמנה בז׳ שמות שאינן נמחקים, אבל ראה רמב״ם שם ה״ד (משבועות לה, ב) שהוא שם בפ״ע ואינו נמחק, וכן בשו״ע שם ס״י. וראה ביאורי הגר״א לשו״ע שם סקי״ט.

62) ראה בכ״ז — תו״א ס״פ תצוה. ד״ה זכור בסה״מ תקס״ה ח״א וביאורו. סידור שער הפורים. סהמ״צ להצ״צ מצות זכירת מעשה עמלק.

63) עשרה מאמרות מאמר אכ״ח ח״ב פל״ג ועוד. של״ה כ, ב ובכ״מ.

64) בראשית א, כו.

65) ראה בכ״ז אגה״ת ספ״ד. לקו״ת ר״פ ראה. ובכ״מ.